# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת צו-פורים תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 425



בני אמונים מתחזקים בענית אמן

ת.ד 102 בני ברק

פקס : 03-5055919

9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### 'לעסוק' אין תורת חטאת

"זֹאת תּוֹרַת הַחַטָּאת בִּמְקוֹם אֲשֶׁר תִּשָּׁחֵט הָעֹלָה תִּשָּׁחֵט הַחַטָּאת לִפְנֵי ה' קֹדֶשׁ קָדָשִׁים הִוא" (ו יח)

אין מסכת מנחות (קי א) דרש'נט רבי יצחק, פון דעם וואס די תורה רופט אן די עבודה פון די קרבן חטאת "תורת החטאת", איז א ראי' אז "כל העוסק בתורת חטאת כאילו הקריב חטאת". דער **של"ה** הקדוש זאגט אז פון דעם וואס רבי יצחק כאפט אן דער לשון "כל העוסק", און נישט 'כל ההוגה', זעט מען אז כדי די 'תורת החטאת' זאל גערעכנט ווערן אנשטאט א קרבן איז נישט גענוג צו זאגן מיט די ליפן, נאר מען דארף זיין 'כל העוסק' אין דעם, ד.מ. לערנען מיט כוונה און פארשטאנד.

די תלמידים פון בעל **'שפע חיים'** פון צאנז שילדערן טאקע די וועג וויאזוי זייער רבי האט עוסק געווען אין תורת הקרבנות: "ער פלעגט זאגן די סדר הקרבנות מיט א געוואלדיגע מתינות, נישט נאר זאגן נאר ממש ווי לערנען, און עס האט אויסגעזען ווי א שיעור אין הל' מקדש וקדשיו, ווען ער טייטש יעדע ווארט און ווארט און ערקלערט עס מיט א קלארן הסבר א לאנגע צייט. אין א געוויסע תקופה פלעגט ער אריינקומען צום דאווענען מיט א משניות אין האנט, און אין דעם האט ער געזאגט די פרק איזהו מקומן".

'של"ה' מסכת תענית אות לג; 'הליכות חיים' סדר היום עמ' קסח-קסט

### דער עוסק בתורה איז פטור פון קרבנות

"זֹאת הַתּוֹרָה לָעֹלָה לַמִּנְחָה וְלַחַטָּאת וְלָאָשָׁם וְלַמִּלּוּאִים וּלְזֶבַח הַשְּׁלָמִים" (ז לז)

די חכמים (מנחות קי א) דרש'ענען פון דער פסוק: "כל העוסק בתורה, אינו צריך לא עולה ולא חטאת ולא מנחה ולא אשם". ווייל די תורה איז מכפר אויף די עבירות פון דער וואס לערנט - אזוי ווי א קרבן (רש"י שם ד"ה אין צריך). אין מדרש (תנחומא צו יד) איז ערקלערט אז די חכמים דרש'ענען דעם אות "לָ" [אדער: "לַ"] וואס שטייט אין פסוק בעפאר די נעמען פון די קרבנות מיט א באדייט פון 'לא', און וועגן דעם טייטשן זיי דעם פסוק: "לָעֹלָה לַמִּנְחָה וְלַחַטָּאת...", כאילו עס וואלט געשטאנען: 'זאת התורה - לא-עולה לא-מנחה ולא-חטאת' - ווייל דער עוסק אין תורה איז פטור פון ברענגען קרבנות.

ענליך צו דעם ברענגט דער טור (או"ח תקפב) אז דער **מהר"ם מרוטנבורג** האט מקפיד געווען זאגן אין עשרת ימי תשובה: "זכרנו לְחיים" - מיט א שו"א, און נישט 'לַחיים' - מיט א פת"ח, ווייל די ווארט 'לַחיים' קען מיינען: 'לֹא-חיים', און אין די ימי הדין דארף מען שטארק מדקדק זיין ביים דאווענען ('משנה ברורה שם טו).

לויט די אויבן דערמאנטע ווערטער האט **רבי שמריה זלמן מלייפניק** ערקלערט אויף א וואונדערליכן וועג די גמרא (ר"ה טז ב): "שלשה ספרים נפתחין בראש השנה... צדיקים גמורין - נכתבים ונחתמים לאלתר לחיים, רשעים גמורים - נכתבים ונחתמים לאלתר למיתה, בינונים - תלויים ועומדים מראש השנה ועד יום הכפורים"; אין די דריי ספרים שטייט געשריבן די ווארט 'לחיים', אבער פאר די צדיקים איז עס מיט א שו"א - 'לְחיים', פאר די רשעים מיט א פת"ח - "לַחיים" [וואס איז טייטש 'לא חיים'], אבער פאר די בינונים איז עס אן קיין נקודות, און יום כיפור פינטלט מען לויט זייער גזר דין. מיט דעם ערקלערט דער **שר שלום פון בעלזא** דעם לשון הפייטן ביים אנהויב דער פיוט וואס ווערט געזאגט דעם צווייטן טאג פון ראש השנה בעפאר קדושה: "היום יפתחו שלשה ספרים מנוקדים", ווייל ווי געזאגט דער אונטערשייד צווישן די ספרים וואס ווערן געעפענט אין ראש השנה, איז נאר אין די נקודות און נישט אין די אותיות.

נחלת יעקב - אבני שוהם ואתחנן; מהר"ש מבעלזא' ר"ה

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### "היום נכבד לבני אמונים"

"היום נכבד לבני אמונים, זהירים לשמרו אבות ובנים..." - די ווערטער וואס זענען פאר אלעמען באקאנט פון דער פיוט "יום שבתון", זענען געווען פאר אונז דער מקור פון דער נאמען פון די רעוואלוציע וואס האט זיך ערוועקט אין די לעצטע צען יאר אין דער גאנצער וועלט - די 'בני אמונים' רעוואלוציע.

"בני אמונים" - זענען אידן וואס זענען מאמינים בה' ובתורתו. "בני אמונים", זענען די וואס זענען מקפיד ענטפערן אמן אזוי ווי מיר האבן געלערנט אין גמרא (שבת קיט ב): "פתחו שערים ויבוא גוי צדיק שומר אמונים - שעונים אמן"!

דאס איז אויך דער קשר צו דער המשך פון דער פיוט "זהירים לשמרו אבות ובנים", א באזונדערן ענין איז דא וועגן מחנך זיין די קינדער צו ענטפערן אמן, אזוי ווי דער רמ"א (או"ח קכד ז) שרייבט: "וילמד בניו הקטנים שיענו אמן, כי מיד שהתינוק עונה אמן, יש לו חלק לעולם הבא".

א וואונדערליכער זאך טרעפן מיר, אז אויך מרדכי הצדיק האט מקפיד געווען אויף די הלכה; אזוי ווי דער 'שבט מוסר' שרייבט אויפן פסוק (אסתר ב ז): "ויהי אֹמֵן את הדסה - היא אסתר" - אז ער האט מחנך געווען אסתר צו ענטפערן אמן "כי אין לה אב ואם"! דער פעטער מרדכי האט זיך מטריח געווען צו ערפילן דער פלאץ פון אירע עלטערן אין דעם טייערן און דערהויבענעם ענין ('מנחת אליהו' פרק לב).

ווי עס זעט אויס, האט אסתר פארגעזעצט מקפיד זיין אויף דעם אויך דערנאך וואס זי איז ארויס פון מרדכי'ס הויז, אזוי ווי דער פסוק דערציילט (שם ח): "ואת מאמר מרדכי אסתר עושה כאשר היתה באמנה אתו".

עס איז נאטורליך צו זאגן אז דער גרויסער נס וואס מיר פייערן און צייכענען אפ אין די טעג, איז מרומז אין די ווארט "אמן" - וואס איז ראשי תיבות: "נ'ס מ'רדכי א'סתר".

מיר וועלן זיך משתדל זיין און פארמערן צו ענטפערן אמן און זוכה זיין צו ניסים און ישועות בימים ההם בזמן הזה!

**מיט א רוף "קימו וקבלו היהודים**

**עליהם ועל זרעם"**

**א גוט שבת און א פרייליכן פורים**

יעקב דוב מארמארשטיין

# פון 'מתנות לאביונים' אויף 'ונהפוך הוא'

יעדעס יאר, אין בעפארברייטונג צו די טעג פון פורים, רעדן אלע פון בענצי, א דורכשניטליכער בחור וואס לערנט אין איינע פון די באקאנטע ישיבות אין בני ברק. בענצי דינט אין זיין ישיבה אלס מנהל פון די ת"ת - די מפעל 'תומכי תורה' - וואס שטייט גרייט צו העלפן חתנים און נויטבאדערפטיגע בחורים פון דער ישיבה און ערפילט זיין ראלע מיט גרויס הצלחה.

אין בעפארברייטונג צו פורים זיצט בענצי אין די 'ת"ת' צימער מיט זיינע צעטלעך אין האנט, און ער ארגאניזירט די "גרופעס-בחורים" וואס גייען ארום פורים אין די הייזער פון די נדיבים, און לייגן אריין זייערע בעסטע כוחות צו באקומען ווי מער געלט פאר די ת"ת.

די בעסטע גרופע פון אלע גרופעס איז ווי פארשטענדליך די גרופע אין שפיץ פון בענצי, די בחורים וואס געהערן צו די גרופע זענען אויסדערוועלט דורך אים, איינער פון טויזנט... און נאר די גרעסערע נדבנים זענען זוכה צו זייער באזוך. בענצי ווייזט ארויס זיינע ספעציעלע טאלאנטן אין פארהאנדלונג, בענצי טוט זיין ארבעט מיט א באזונדערע הצלחה און עס זעט אויס אז קיינער שטייט אים נישט אין וועג.


ישיבה בחורים ביי א מגבית פון פורים

אפילו יצחק דער גביר קען זיך נישט אקעגן שטעלן אקעגן בענצי. דער יצחק איז א זעלטענער קמצן, אפילו אין דעם טאג וואס 'כל הפושט יד נותנים לו', פלעגט ער פארמאכן זיין האנט און אלע וואס זענען צו אים געקומען זענען ארויס ליידיג.

אבער דאס האט דעם בענצי נישט צוריק געהאלטן. ער האט באשלאסן צו נעמען דעם יצחק ווי א פערזענליכער פראיעקט. שוין בערך א חודש פאר פורים האט ער אנגעהויבן טראכטן וויאזוי ער וועט אויספירן זיין פלאן, ארויסנעמען פון יצחק לכל הפחות פינף טויזנט שקלים.

אין ענדע איז עס געלונגען. בענצי האט ארויפגעלייגט א שטארקע פרעשע אויף יצחק, וואס נאר בענצי האט געוויסט וויאזוי צו מאכן, און יצחק האט זיך אונטערגעגעבן, מיט א שווערן קרעכץ פלעגט ער ארויסנעמען זיין טשעק ביכל, שרייבן די געפאדערטע סומע, און עס איבערגעבן פאר בענצי, צו די פרייד פון דער עולם האט זיך פארזאמלט אויפן ארט.

אין לויף פון פינף יאר האט זיך עס איבערגעשפילט. ווען בענצי פילט שוין אז זיין גאנצע כבוד איז אנגעהאנגען אין זיין הצלחה אין דער ספעציעלער פראיעקט וואס ער האט גענומען אויף זיך. יצחק האט פון זיין זייט מיטגעארבעט; זיך אנטקעגן שטעלן מיט אלע כוחות, און ענדליך זיך ברעכן... און בענצי פלעגט ארויסגיין פון הויז שיכור פון צופרידנקייט, באגלייט מיט די שעצבארע בליקן פון זיינע פריינד.

אין אמת'ן, אבער נישט איבערצוזאגן, האט בענצי אפט חרטה געהאט. נאך יעדע געלונגענע פורים באזוך אין יצחק'ס הויז פלעגט ער ארויסגיין מיט שווערע פראגעס וואס זענען שווער געווען צו ענטשיידן... יצחק וואוינט טאקע אין א לוקסוס און עלעגאנטע הויז, א הויז וואס ער האט בירושה פון זיין פאטער, פון צייט צו צייט קען מען אים זען אין די גאסן פון שטאט פירן א גלענצנדיגן מאשין, אבער נישט ווי ערווארטעט פון אזא גביר, די סעודת פורים אין זיין הויז, וואס די רעשט פון דעם איז בענצי מיט זיין גרופע זוכה צו זען, איז געווען זייער ארים און פארשעמט. אויך זיין רואיגן און איידעלען אויפפירונג וואס זענען געשטאנען אין א שטארקן קאנטראסט צו זיין קארגשאפט, זענען אויך געווען פאר בענצי, א מיסטעריע.

ער האט געהאט נאך שוועריקייטן צו פארשטיין אויף דעם סטיל, און פון דעסוועגן, צוליב דער הצלחה פון דעם ת"ת, און עס איז מעגליך אז צוליב זיין פערזענליכן הצלחה האט בענצי איגנארירט פון די סיגנאלן און ווייטער געקומען באזוכן ביי יצחק אין הויז ווי געווענליך.

אין דעם יאר וואס אונזער געשיכטע רעדט זיך, איז בענצי מיט זיינע חברים, ווי געווענליך אריין אין יצחק'ס הויז מיט גרויס פרייד. בענצי האט ווי געווענליך, אנגעהויבן די 'שפיל', אבער פלוצים איז ער שטיל געבליבן; זיין בליק איז געפאלן אויף א צוועלף יעריגן יונגל, יצחק'ס זון, וואס איז געשטאנען ביים טיש, זיין פנים איז אים געווען זייער באקאנט, און ער האט זיך גלייך דערמאנט...

בענצי'ס פאטער איז געווען דער מנהל פון א באקאנטע צדקה ארגאניזאציע וואס האט אויסגעטיילט פעקלעך-עסן פאר ארימע פאמיליעס, די לעצטע וואך איז בענצי דארט געווען ביי די חלוקה און האט באמערקט אז דאס קינד שלעפט א וועגל אנגעלאדענט מיט פארשידענע פראדוקטן... בענצי איז איבערגענומען געווארן מיט רחמנות'דיגע געפילן, אבער ווען ער האט געזען אז ער לייגט אלעס אריין אין א טייערע מאשין וואס פארקט אין א דערנעבנדיגן גאס, האבן די רחמנות געפילן זיך אויפגעטוישט אויף כעס.

ווען ער האט געפרעגט פון זיין טאטן זאל אים ערקלערן דאס ענין, האט אים זיין טאטע דערציילט מיט א האלבן שמייכל, אז עס האנדלט זיך פון א משפחה וואס א לאנגע צייט צוריק האבן זיי שאדן געהאט זייער פארמעגן, אויסערליך פירן זיי זיך ווי רייכע לייט, אבער אין אמת'ן זענען זיי בלוטיגע ארימעלייט וואס ווערן געשטיצט דורך די צדקה-קאסע וואס ער פירט אן.

יעצט, ווען בענצי האט באמערקט דעם יונגל האט ער אלץ פארשטאנען, א פינף-יעריגער רעטעניש איז מיטאמאל פארענטפערט געווארן. שאקירט און פארלוירן, האט ער מיטאמאל אלעס אפגעשטעלט, און באפוילן די בחורים פארלאזן דאס שטוב. ווייזט זיך אויס, אז דאס יונגל האט אויך פארשטאנען, דערנאך דעם זיין טאטע; יצחק, בלייך ווי קאלעך, איז אר°ס אין הויף, געשאקלט דעם טשעק בוך אקעגן בענצי'ס פנים און כמעט ווי זיך געבעטן ער זאל צוריק קומען, אבער דער פארלוירענער בענצי האט אפגעזאגט מיט א פעסטן באשלוס.

"אנטשולדיגט..." האט ער געמורמלט און זיך אוועק געדרייט מיט זיינע חברים צו די ריכטונג פון די גאס, אבער דאן האט פאסירט א שרעקליכע זאך. יצחק איז צוזאמגעפאלן און אראפגעפאלן באוואוסלאז אויף דער ערד. די בחורים האבן זיך שנעל צוריקגעקערט, און האבן געגאסן אויף אים וואסער און קוים איז זיי געלונגען אים אויפוועקן. בענצי מיט זיין שארפן קאפ האט גלייך פארשטאנען וואס עס גייט דא פאר, ער האט אנגערופן זיינע חברים און זיי באשווארן אקעגן יצחק'ס האלב פארלאשענע אויגן, אז זיי וועלן נישט דערציילן פון דעם שרעקליכן זאך וואס זיי האבן מיטגעהאלטן מיט זייערע אייגענע אויגן.

יצחק האט זיך אביסל בארואיגט, און בענצי, וועלכער איז געבענטשט מיט א גוטן שטימונג, האט אויסגערופן הויעך: "חברים, היינט איז פורים! אויף דעם טאג שטייט 'כל הפושט יד נותנים לו', לאמיר דאווענען צו השי"ת און אנוואונטשן יצחק'ן אז די קומענדיגע יאר זאל ער צוריק זיין א עושר ווי אמאל, א אמת'דיגע עשירות, און נישט קיין געמאכטע".

די גערירטע חברים און יצחק צווישן זיי האבן געענטפערט 'אמן' מיט גרויס התלהבות, און נאכדעם וואס זיי האבן נאכאמאל צוגעזאגט נישט אנטפלעקן פאר קיינעם דעם סוד וואס זיי האבן מיטגעהאלטן מיט זייערע אויגן, זענען זיי ארויס פון שטוב.

די תפילה וואס איז געזאגט געווארן פון טיפן הארצן, און די באגייסטערטע 'אמן' וואס איז געענטפערט געווארן האט אויפגעטון. די קומענדיגע יאר זענען פלוצים געקומען עטליכע קונים און זיך געראנגלט אויף אן אלטע און פארלאזטע פארמעגן וואס יצחק האט בירושה פון זיין פאטער, ביז יעצט האט קיינער עס נישט געוואלט, אבער יעצט האט ער באקומען גאר א גרויסע סומע. ווי א קלוגער סוחר האט ער תיכף אינוועסטירט די געלט אין א זעלטענע ביזנעס וואס איז אים אונטערגעקומען, דעם קומענדיגן יו"ט פורים האט יצחק צום ערשטן מאל, מיט א רואיגע הארץ געקענט ארויסווייזן זיין ברייט הארציגקייט. ווען דער ערשטער צדקה-צוועק וואס האט באקומען א שיינע סומע, איז אוודאי געווען בענצי'ס צדקה-קאסע.

'סיפור לחג' ח"א עמ' 771

# תענה אמונים

## די מעלה פון דאווענען אין פורים

### די תפילה פון מרדכי - בימים ההם און בזמן הזה

בימים ההם אזוי אויך בזמן הזה איז די עבודת התפילה א ערנסטע טייל פון דעם יו"ט פורים. אין מגילת אסתר און אין די פול מדרשים אויף דעם, טרעפן מיר אגאנצע צייט די ענין פון תפילה וואס פארבינדט אלע ניסים וואס זענען געשען פאר די אידן אין יענע צייט. אויך מרדכי הצדיק ווערט אנגערופן (אסתר ב ה) 'בן יאיר', און גמרא (מגילה יב ב) ווערט ערקלערט: "'בן יאיר' - בן שהאיר עיניהם של ישראל בתפלתו, 'בן שמעי' - בן ששמע א-ל תפלתו, 'בן קיש' - שהקיש על שערי רחמים ונפתחו לו".

און אזוי ווערט געשילדערט אין מדרש (אסת"ר ז יג): "ווען עס איז נגזר געווארן די גזירה פון המן איז אליהו זכור לטוב געלאפן מיט שרעק... און געזאגט פאר משה... וואס ווערסטו טון ווען די צרה... האט אים משה געפרעגט: 'איז דא א ערליכער מענטש אין דעם דור?' האט ער אים געזאגט: 'יא, און זיין נאמען איז מרדכי', האט ער אים געזאגט: 'גיי אים מעלדן ער זאל זיך שטעלן פון דארט, און איך פון דא, און מיר וועלן צוזאמען איינרייסן רחמים אויף זיי פאר הקדוש ברוך הוא'".

און דער מהר"ל מפראג איז טאקע מאריך אין זיין הקדמה אויף זיין פירוש 'אור חדש' אויף די מגילה אז דער נס פון פורים איז געקומען צוליב וואס השם יתברך האט צוגעהערט די אידישע תפילות, אזוי ווי עס שטייט (אסתר ט לא): "דברי הצומות וזעקתם", און דער מהר"ל לייגט צו "עס איז נישטא נאך א גאולה וואס איז געקומען דורך דאווענען אזוי ווי דער נס אין די צייטן פון מרדכי ואסתר".

פון דעמאלטס ביזן היינטיגן טאג איז באקאנט די גרויסע סגולה פון דאווענען אין דעם טאג. אסאך וואס האבן איינערקענט אין די טייערקייט פון דעם טאג האבן גע'פועל'ט אסאך ישועות. אין דעם קומענדיגן ארטיקל האבן מיר מלקט געווען פערל ווערטער פון אונזערע רבי'ס אויף דעם ענין, ויהי רצון אז דאס זאל ברענגען א התעוררות אויף דעם, און מיר זאלן אויס'פועל'ן אלעס גוט'ס.

### אויפשטיין פרי

אין דעם פריערדיגן ספר 'נוהג כצאן יוסף' (פורים אות ח) ברענגט ער אז אין פראנקפורט האט מען זיך געפירט אויפשטיין פרי אין פורים כדי צו ענדיגן די קאפיטלעך תהילים פון דעם טאג בעפאר די נץ החמה. און ברענגט (וכן ב'אליה רבה' או"ח תרסד ג) אז פורים איז איינס פון די פינף טעג וואס מען שטייט אויף פרי צום דאווענען. [די טעג זענען מרומז אין דער פסוק: "וַיַּשְׁכֵּם אַבְרָהָם בַּבֹּקֶר" (בראשית יט כז) - 'אברהם' איז סופי תיבות: הושענא, ט' באב, יום כיפור, ראש השנה, פורים.']

אין ספר 'סגולות ישראל' (מערכת פ אות ד) ברענגט ער: "איך האב בקבלה פון א גדול ז"ל אז עס איז א סגולה אויפשטיין פרי אין דער טאג פון פורים און אויסגיסן דאס הארץ פאר השם יתברך אויף אלע זאכן. סיי אויף בני חיי ומזוני, און סיי אויף אנדערע זאכן און אויף זיינע קרובים, ווייל דער טאג איז א געוואלדיגע עת רצון, און אלע עולמות זענען בשמחה... און אזוי איז מקובל פון די גדולי הצדיקים זי"ע...".

### דער כח התפילה אויף שפעטער

הגרי"ז מבריסק האט אנגעצייכנט צו די ווערטער פון רמב"ם (סוף מנין המצוות) אז די ציל פון ליינען די מגילה איז צו מפרסם זיין און צו וויסן טון דעם כח פון תפילה און זעקה און אויך מקיים זיין דעם חוב פון לויבן אויף דעם גרויסן נס. ווייל אזוי שרייבט דער רמב"ם: "וצוו לקרות המגילה בעונתה, כדי להזכיר שבחיו של הקדוש ברוך הוא ותשועות שעשה לנו והיה קרוב לשוועתנו, כדי לברכו ולהללו, וכדי להודיע לדורות הבאים שאמת מה שהבטיחנו בתורה (דברים ד ז): 'כי מי גוי גדול אשר לו אלוקים קרובים אליו כה' אלקינו בכל קראנו אליו'".

און דער גרי"ז זאגט אז ווייל מען האט געוואלט מודיע זיין פאר די קומענדיגע דורות די געוואלדיגע מעלה פון דאווענען, האט מען קובע געווען זאגן ביי די פיוט 'שושנת יעקב', וואס מען זאגט נאכן ליינען מגילה: "תשועתם היית לנצח ותקותם בכל דור ודור, **להודיע שכל קויך לא יבשו ולא יכלמו לנצח כל החוסים בך**" ('פניני רבנו הגרי"ז' עמ' פג).

### פורים – כִּפּוּרִים

אין זוהר שטייט (תקוני זוהר נז ב) אז פורים ווערט גערופן על שם יום הכפורים. דער ווילנער גאון ('יהל אור' ליקוטים על הזוהר, סוף ספר שמות) ערקלערט אז אלע ימים טובים זענען 'חציו לה' וחציו לכם', אויסער יום הכפורים וואס איז כולו לה', ווייל עס איז אסור צו עסן און טרינקען. דעריבער האבן די חכמים מתקן געווען דעם טאג פון פורים ווי א השלמה אויף יום הכפורים, און די צוויי ימים טובים זענען צוזאמען - 'חציו לה' וחציו לכם'.

דער 'קדושת לוי' (קדושות לפורים קדושה ראשונה) ערקלערט אז 'יום הכפורים' ווערט אנגערופן מיט דעם נאמען, ווייל דאס איז אזוי ווי 'פורים'. רבי צדוק הכהן מלובלין לערנט זיך פון דעם אז פורים איז א גרעסערער עת רצון פון יום הכפורים, ווייל דער לשון 'כפורים' באדייט אז מען האט אנגעהאנגען יום הכפורים אין פורים, און דער סדר איז אז מען הענגט אן אז קליינע זאך אין א גרויסע זאך ('רסיסי לילה' אות כה).

### 'מה שאלתך וינתן לך'

צדיקים האבן געזאגט: פורים איז א באזונדערע עת רצון, און יעדער מענטש קען בעטן אז אלעס וואס ער וויל זאל ערפילט ווערן לטובה, ווייל אזוי איז דאך גע'פסק'נט אין שולחן ערוך (או"ח תרצד ג) "אין מדקדקים במעות פורים אלא כל מי שפושט ידו ליטול נותנים לו". און הקב"ה וואס איז מקיים אלע מצוות איז ער דאך זיכער מקיים די מצוה פון 'מתנות לאביונים' און געבט פאר יעדן וואס שטרעקט אויס א האנט, וואס ער וויל ('חידושי הרי"ם על התורה' עניני פורים; 'פרי צדיק' עניני פורים).

דער 'שפתי צדיק' פון פילץ ערקלערט: די 'דברי הצומות וזעקתם' פון מרדכי און אסתר, האבן אויפגעטון אז אלע תפילות וואס די אידן וועלן דאווענען אין דער טאג אין אלע דורות וועלן אנגענומען ווערן. און אזוי ווי 'המן נבעת' אין פורים (אסתר ז ו), אזוי אויך ווערט די סטרא אחרא דערשראקן אין דער טאג און פארמיידן זיך פון מקטרג זיין אויף אידישע תפילות ('שפתי צדיק' ח"ב, פורים אות לט).

און אזוי שרייבט אויך דער 'שם משמואל' (פורים עמ' קצו): דער נס פורים איז נישט געווען א נס נאר אויף יענעם דור, נאר יעדעס יאר אין דער טאג פון פורים ווערט נתעורר דער צייכן פון דער נס וואס איז געווען אין די צייטן פון מרדכי און אסתר, און דעמאלטס קען יעדער איד בעטן פון הקדוש ברוך הוא וואס ער וויל.

### די תפילות וואס זענען אנגענומען געווארן

עס ווערט דערציילט אויף א גרופע יונגעלייט פון די שטאט לעיקוואד אין ניו דזשערזי וואס איז אין אמעריקע, וואס די ווערטער פון די צדיקים איבער די גרויסע מעלה פון דאווענען אין פורים האט זיי מעורר געווען זאלן זיך צוזאמען מחזק זיין מיט תפילה ותחנונים אין דעם טאג. עטליכע טעג בעפאר פורים האבן זיי צוגעגרייט א פונקטליכן סדר היום אויף פורים; זיי האבן אפגעמאכט א צייט פון זיך לייגן און א צייט צו אויפשטיין, זיי האבן באשטימט א צייט פאר תפילות, זאגן תהלים און מקיים זיין די אנדערע מצוות פון דער טאג, וואס דאס האט זיי זייער געהאלפן אויסנוצן דעם גרויסן טאג ווי עס דארף צו זיין.

די יונגעלייט האבן עדות געזאגט און אויך מפרסם געווען ברבים, אז אין א קורצע צייט, האבן זיי זוכה געווען צו זען ישועות למעלה מדרך הטבע, יעדער איינער אין זיינע שוועריקייטן און פראבלעמען, בגוף ובממון ('באר החיים' [פון ר"א בידערמאן] פורים עמ' פ).

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

# מאוצרות אמונים

אוצרות אויף אמן לכבוד פורים

## מרדכי האט מחנך געווען אסתר צו ענטפערן אמן

דער רמ"א (או"ח קכד ז) פסק'נט: "וילמד בניו הקטנים שיענו אמן, כי מיד שהתינוק עונה אמן, יש לו חלק לעולם הבא". זיינע ווערטער זענען געבויעט אויף די גמרא אין סנהדרין (קי ב): "קטן מאימתי בא לעולם הבא... תנא משום רבי מאיר: משעה שיאמר אמן". מיט דעם טייטש **רבי אליהו הכהן פון איזמיר** בעל 'שבט מוסר' דעם פסוק (אסתר ב ז): "ויהי אֹמֵן את הדסה היא אסתר בת דודו כי אין לה אב ואם"; ווייל אסתר, וואס איז הדסה, "אין לה אב ואם" וואס זאלן איר אויסלערנען ענטפערן אמן, דעריבער: "ויהי **אֹמֵן** את הדסה" - האט מרדכי געזארגט איר מחנך זיין פון קליינערהייט צו ענטפערן אמן ('מנחת אליהו' פרק לב).

## די נס פון פורים אין זכות פון ענטפערן אמן

די הקפדה פון מרדכי און אסתר צו ענטפערן אמן וואס איז מרומז אין פסוק "ויהי **אֹמֵן** את הדסה", האט געהאלפן די אידן אויסגעלייזט ווערן אין יענע צייטן. און אויף דעם זענען מרמז די חכמים מיטן זאגן (תיקו"ז מ א): "כל העונה אמן בכל כוחו קורעין לו גזר דינו של **שבעים שנה**" - דאס איז א רמז אויף די זיבציג יאר פון גלות נאכן חורבן בית ראשון, וואס אינצווישן איז געווען די תקופה פון מרדכי און אסתר, און זענען אויסגעלייזט געווארן אין זכות פון ענטפערן אמן (רא"א קנאפלער, קובץ המאור שנה סט קובץ ו).

און מען קען צולייגן אז 'אמן' איז ראשי תיבות: **נס מרדכי אסתר**, א רמז אז דער נס פון פורים איז געווען אין זכות וואס מרדכי און אסתר האבן אכטונג געגעבן אויף ענטפערן אמן ('גם אני אודך' פורים, בהקדמה).

## אסתר האט זוכה געווען צו נשיאת חן אין זכות פון ענטפערן אמן

נאך קען מען זאגן אז אין זכות וואס אסתר האט מקפיד געווען ענטפערן אמן האט זי זוכה געווען עס זאל מקויים ווערן ביי איר (שם ב טו): "ותהי אסתר נשאת חן בעיני כל רואיה". ווייל ענטפערן אמן ברענגט נשיאות חן. אזוי ווי דורשי רשומות זאגן אז די ראשי תיבות פון דער פסוק (בראשית יח ג): "**אם נא מצאתי** חן בעיניך" - איז 'אמן' (קובץ המאור שם).

# אגרות אמונים

א בריוו פון א געטרייער לייענער

לכבוד די רעדאקציע 'וכל מאמינים'

אלס איינער וואס איז זוכה לאנגע יארן צו דינען אלס מלמד אין איינע פון די חשוב'סטע תלמוד תורה'ס אין ירושלים, וויל איך אין די דאזיגע בריוו לייגן א באזונדערן דגוש אויף דעם געוואלדיגן תועלת פון צוגעוואוינען די קינדער פון קינדווייז אן זאגן די ברכות השחר מיט א חברותא, אזוי ווי איך האב געזען פון מיין פערזענליכן ערפארונג.

ערשטנ'ס, די קינדער געוואוינען זיך צו ארויסזאגן א ברכה פון זייער מויל ווארט ביי ווארט. דאס ערוועקט זייערע הערצער און ברענגט אריין אין זיי א דערהויבנקייט פון דאווענען. אין דערצו, לייגן די ריכטיגע געוויכט אויף ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין אין די כיתה ברענגט אריין אין די קינדער די חשיבות פון ענטפערן אמן, אזאך וואס פעלט זייער אויס אין אונזער דור.

דא איז דער פלאץ צו ערוועקן אויף א ווייטאגליכן ענין, איך וויל נישט מקטרג זיין אבער עס טוט וויי ווען די קינדער דערציילן אז נישט איינמאל זען זיי מענטשן שמועסן ביי חזרת הש"ץ, אדער קדיש, און ס'איז נישט קיין ספק אז דאס קילט אפ זייערע גאנצע חינוך צו ערנסטקייט ביים דאווענען.

ווי וויכטיג איז דעריבער ממשיך זיין צו מחזק זיין די דאזיגע הנהגה, וואס ברענגט אריין אין זיי דעם ריכטיגן בליק אז די טייערקייט פון אמן קען מען אינגאנצן נישט שאצן.

רצה הקב"ה לזכות את ישראל, לפיכך האט ער געשיקט צו זיי די בני אמונים וואס זענען מזכה כלל ישראל! חזקו ואמצו!

י.י. - ירושלים

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס 9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



דער משגיח רבי יחזקאל לעווינשטיין זי"ע

## רבי יחזקאל לעווינשטיין

### י"ח אדר תשל"ד

דער משגיח רבי יחזקאל ב"ר יהודה לעווינשטיין איז געבוירן געווארן אין ווארשא אין יאר תרמ"ה. אין זיינע בחור'ישע יארן האט ער געלערנט אין ישיבת ראדין און קעלם. נאך די פטירה פון זיין רבי דער משגיח רבי ירוחם לייבאוויץ, איז ער גערופן געווארן ערפילן זיין אמט אלץ משגיח אין ישיבת מיר. אין די צייט פון דער צווייטער וועלט'ס מלחמה איז ער אנטלאפן מיט די ישיבה בחורים קיין שאנחאי. פון שאנחאי איז ער אנגעקומען קיין אמעריקע, און פון דארט קיין ארץ ישראל, ער האט געוואוינט אין ירושלים בערך פינף יאר, און פלעגט איבערגעבן מוסר-שמועסן אין זיין שטוב און אין דער מיר'ער ישיבה, נאך די פטירה פון דער משגיח הרב דעסלער, האט הרב כהנמאן אים פארבעטן ער זאל ערפילן זיין פלאץ, און ער האט געדינט אלץ משגיח פון די פאנאוויזשער ישיבה ביז צו זיין פטירה.

זיין תלמיד רבי אלחנן יוסף הערצמאן שרייבט, אז איינע פון די מעלות וואס האבן זיך שטארקט אנגעמערקט ביים משגיח איז געווען זיין 'אמונה חושית', 'טאפעדיגע אמונה', א יסוד וואס ער האט פיל גערעדט און איינגעווארצלט אין די הערצער פון זיינע תלמידים. דער 'חזון איש' האט אויף אים עדות געזאגט: "די אמונה ביים משגיח איז אזוי קלאר ווי איינער וואס לייגט אריין זיין האנט אין פייער. און זיין כוונה איז געווען, אזוי ווי צו וויסן אז די האנט ווערט פארברענט אין פייער דארף נישט קיין ערקלערונג און התעוררות-ווערטער, אזוי איז די אמונה געווען קלאר און מען האט געקענט טאפן מיט די הענט" ('מופת הדור' בהקדמה).

## די שכר פון איין אמן

דער משגיח רבי יחזקאל לעווינשטיין האט איבערגעזאגט אין נאמען פונעם אלטן פון קעלעם א מורא'דיגע ווארט, וואס ברענגט ארויס די טייערקייט און געוואלדיגע שכר פון די וואס זענען מקפיד אויף ענטפערן אמן: "עס לוינט זיך פאר א מענטש זאל באשאפן ווערן און לעבן א לאנגע לעבן און אפילו ליידן גיהנם, כדי צו באקומען די שכר וואס איז אים ערווארטעט אויף ענטפערן אמן איינמאל" ('אור יחזקאל' ח"ג עמ' רעה).

## אמן אויף ברכות השחר

דער משגיח פלעגט קומען יעדן טאג צו די היכל הישיבה א לאנגע צייט בעפאר תפילת שחרית, זיך גרייטן צום דאווענען. א בחור פלעגט זאגן פאר אים יעדן אינדערפרי די ברכות השחר כדי ער זאל קענען ענטפערן אמן נאך זיינע ברכות ('עמוד היראה והעבודה' עמ' 67).